# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

### בתוך דרשת ז' אדר תשע"ו לפ"ק

**חינוך הבנים מתוך קירבה ואהבה, ולהיות דוגמא לבני ביתו בהנהגתו • חלושי כשרון יכולים ברצון עז להתגדל בתורה ועבודה • לעמוד על המבחנים המתקיימים מידי חודש בחדשו • סכנת כלי הטעכנעלאגיע ולהשתמש בהם רק בחותם שהוא מאושר • האבות יקנו לבניהם סלפון כשר לפני חתונתם**

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**דער** נביא אין ספר שמואל (א' ז-טז) רעכנט אויס די צדקות פון שמואל, והלך מידי שנה בשנה, ער פלעגט צו גיין יעדעס יאר, וסבב בית אל והגלגל והמצפה, ער איז ארומגעגאנגען די שטעט פון בית אל און גלגל און מצפה, ושפט את ישראל, און ער האט גע'משפט אידן, ותשובתו הרמתה, נאכדעם איז ער צוריקגעגאנגען צו זיך אין די שטאט רמה, כי שם ביתו, ווייל דארט האט ער געוואוינט. בפשטות דער פסוק פארציילט די צדקות פון שמואל אז ווי ער האט געקענט אויפטוען פאר אידישקייט איז ער געגאנגען, ער האט איבערגעלאזט זיין שטוב און ארומגעגאנגען יעדעס יאר די אלע שטעט וואס זענען געווען ארום און ארום, און ער איז צוריקגעקומען שפעטער צו זיך אינדערהיים.

**און** ער האט אויך מעורר געווען, אז מ'זאל וויסן אז ס'איז דא א חשבון אויף יעדע זאך, טאמער מ'פירט זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין, איז ווען ס'קומט די צייט וואס מ'גייט אוועק פון די וועלט, קען מען נישט צוקומען צו קיין מנוחה נכונה, צו א רוהיגקייט וויאזוי ס'וואלט געדארפט צו זיין, און מ'דארף נאכאמאל נתגלגל ווערן, נאכאמאל אראפקומען אויף די וועלט מתקן זיין וואס מ'האט פארפעלט. וסבב ער איז שטענדיג ארומגעגאנגען רעדן "בית אל והגלגל", ער האט גערעדט פון א "בית אל" אז די שטוב דארף זיין א געטליכע שטוב, און טאמער נישט איז "והגלגל" דארף מען נאכאמאל נתגלגל ווערן, אראפקומען אויף די וועלט מתקן צו זיין.

## להזהר בקדושת הבית שיהיה ראוי להשראת השכינה

**קען** אפשר זיין דער ענין, דער נביא וויל דא פארציילן און ארויסברענגען אויף וואס א מנהיג דארף אויפהייבן די אויגן און מעורר זיין דאס פאלק..., זאגט דער פסוק, והלך מידי שנה בשנה, ער איז ארומגעגאנגען יעדעס יאר פון שטאט צו שטאט צו לערנען אידן די דרכי השם, 'וסבב בית אל', אלע רייד וואס ער האט גערעדט, האט זיך געדרייט ארום דעם ענין וויאזוי א אידישע שטוב דארף צו זיין א געטליכע שטוב, וסבב, ער האט אלץ מסבב געווען ארום די נושא אויף די קדושה פון א אידישע שטוב, אז א אידישע שטוב דארף זיין א "בית אל", א געטליכע שטוב, א שטוב פון השראת השכינה, א שטוב וואס מ'זאל קענען טאפן דאס געטליכקייט אין יעדען ווינקל פון דעם שטוב. איש ואשה שזכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), אז מ'איז זוכה איז דא השראת השכינה אין דעם שטוב. די שטוב דארף זיין א הייליגע שטוב, בית אל, א שטוב וואס דער רבוש"ע זאל קענען דארטן זיין, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, ס'זאל נישט זיין א שטוב וואס דער רבוש"ע דארף עס איבערלאזן און אוועקגיין פון דארטן, ושב מאחריך.

**אז די שטוב פירט זיך נישט ערליך, מען פירט זיך נישט בצניעות, מ'גייט נישט געקליידט ווי מ'דארף צו זיין, די שייטלעך זענען לאנג נישט אזוויווי א אידישע טאכטער דארף צו זיין, די קליידער זענען נישט צוגעפאסט פאר א אידישע טאכטער, די קליידער זענען רעש'יג, די קליידער זענען קורץ, און אנדערע ענינים וואס יעדער ווייסט ביי זיך אליין וויאזוי ס'וואלט געדארפט צו זיין. אז ס'איז נישטא ערליכקייט אין שטוב, ס'איז דא ערות דבר, איז ושב מאחריך, איז די שטוב נישט קיין געטליכע שטוב.** און שמואל האט שטענדיג גערעדט צו אידן, וסבב, ער איז ארומגעגאנגען און מעורר געווען "בית אל", אז די שטוב דארף זיין א געטליכע שטוב.

## לא להתייאש ממצבו, רק ישים עינו אל העתיד

**און** ער האט מרמז געווען אין זיינע ווערטער, יעדער איד האט עליות און ירידות, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. גשמיות, ס'איז דא צייטן וואס א מענטש איז מצליח אין זיינע געשעפטן, ער שטייט ברום המעלה, און ס'איז דא זמנים וואס ער איז בדיוטא התחתונה, די זון גייט אים אונטער, ס'פעלט אים די הצלחה, עולם חשך בעדו, ס'איז ביי אים פינסטער די וועלט ח"ו. אזוי אויך אין רוחניות איז דא צייטן וואס א מענטש שטייט ברום המעלה, ער לערנט, ער דאווענט, ער איז אן עובד השם, ער שפירט א חיות דקדושה, ער שפירט א ליכטיגקייט אין זיין עבודה, און ס'איז דא זמנים פון ירידה, ס'פעלט למחצה ולשליש ולרביע, נישט אייביג אייניג.

**און** אויף דעם זאגן חז"ל (שבת קנא:), אז דאס לעבן פון די וועלט איז, א גלגל החוזר בעולם, ס'איז אזוויווי א גלגל, אמאל איז מען אינדערהייך און אמאל איז מען נידריג, א רעדל טוט זיך שטענדיג דרייען פון אויבן אראפ, **און די עבודה פון א איד איז, זיך מחזק זיין שטענדיג! ווען מ'שטייט אויבן ס'גייט אים גוט בגשמיות, ער שטייט אויף א הויכע מדריגה אין רוחניות, זאל ער גדענקען אז נישט אייביג בלייבט מען אזוי, מ'זאל נישט זיין זחה דעתו עליו, ה' מוריש ומעשיר, וואס מ'האט היינט ווייסט מען נישט צי מ'וועט עס האבן מארגן, לא לעולם חוסן.**

**פארקערט אויבעט, ווען א מענטש שטייט אונטען, זאל ער נישט באקומען קיין יאוש, ער האט שוין פארלוירן זיין וועלט און ער ווערט צוגעלייגט און ער איז זיך מתייאש פון זיין מצב. ער דארף וויסן די וועלט איז א גלגל, אפילו מ'איז אונטען קען מען זיך צוריקדרייען און מ'קען ארויפקומען אינדערהייך!** א איד דארף זיך מחזק זיין שטענדיג אפילו ווען מ'געפינט זיך אין א נידריגע מצב בדיוטא התחתונה, ער

דארף געבן זיינע אויגן אל ׳המצפה׳, קוקן אויף דערווייטנס, זיין א צופה, קוקן אויף שפעטער, ער זאל נישט זיין פארנומען מיטן עבר, ער זאל זיך מחזק זיין און זיין א צופה, און האפן אויפן עתיד אז ער קען נאך נתעלה ווערן און אנהייבן פון דאסניי, אזוי ווי ער וואלט היינט געבוירן געווארן און היינט האט ער באקומען די תורה.

**זאגט** דער פסוק אויף שמואל הנביא והלך מידי שנה בשנה, ער איז ארומגעגאנגען פון יאר צו יאר די אלע מקומות, וסבב, און זיינע ווערטער זענען געווען ארומגענומען, ״בית אל״, מ׳זאל געדענקען אז א שטוב דארף זיין א געטליכע שטוב, און טאמער נישט, ״הגלגל״ דארף מען צוריק אראפקומען אויף די וועלט, און ״והמצפה״ נישט קוקן אויפן עבר, נאר קוקן אויף ווייטער, קוקן אויף ארויף, זיין א צופה קוקן אויף שפעטער וואס ער האט נאך אסאך יארן וואס ער קען נאך אויפטוען פארן אייבערשטן׳ס וועגן, און משלים זיין וואס ס׳פעלט אים אויס.

## התקן עצמך בפרוזדור כדי שתיכנס לטרקלין

**ותשובתו הרמתה כי שם ביתו, ער האט מעורר געווען אידן, די וועלט איז א פארגענגליכע וועלט, דער מענטש אויף די וועלט איז נאר א עובר אורח, אזויווי א גאסט וואס גייט אדורך, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, א מענטש דארף זיך צוגרייטן אין די וועלט אין דעם פרוזדור כדי ער זאל קענען אריינקומען שפעטער אין דעם טרקלין. ס׳איז דא א טאג וואס מ׳דארף אלעס איבערלאזן און גיין אהיים! ואין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב אלא תורה ומעשים טובים בלבד. מ׳נעמט זיך גארנישט מיט, נאר תורה ומעשים טובים, און ס׳איז א שאד אז מען זאל פארטוישן א עולם עומד וועגן א עולם עובר, איבערלאזן א נצחיות׳דיגע וועלט וועגן תענוגים פון א פארגענגליכע וועלט, יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה, איבערלאזן א קורת רוח פון חיי העולם הבא.**

**זאגט** דער פסוק, אז שמואל האט מעורר געווען אידן, אז מ׳זאל געדענקען ותשובתו הרמתה, אז דער סוף וועט זיין אז מ׳מוז צוריק קערן די נשמה אויף א הויך פלאץ, ׳ותשובתו׳ מ׳וועט דארפן צוריק קערן די נשמה ׳הרמתה׳ אויף א גאר הויכע מקום, ווייל ׳כי שם ביתו׳, דיין שטוב איז נישטא דא, דארט איז דיין שטוב! דארטן דארפסטו לייגן דיין מחשבה, זעהן וואס מ׳קען אויפטוען ביים לעבן כדי אז ווען ער קומט צו זיין ׳בית׳, זאל ער טרעפן וואס מ׳דארף. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, נאר ווער ס׳האט זיך מטריח געווען און צוזאמגענומען מצות און מעשים טובים אויף די וועלט, דער וועט האבן שפעטער.

## עשה דברים לאחר מיטתך

**שטייט** אין די גמרא אין מסכת שבת (קנג.), ר׳ אלעזר האט געפרעגט רב, איזהו בן עולם הבא, אויף וועם קען מען זאגן אז ער איז א בן עולם הבא, האט ער אים געזאגט א פסוק אין ישעיה (ל-כא) ואזניך תשמענה דבר מאחריך, ווען דיינע אויערן וועלן הערן אונטער דיר אז מ׳רעדט, לאמר, צו זאגן, זה הדרך לכו בה, דאס איז דער וועג וויאזוי מ׳דארף צוגיין. טייטשט רש״י, ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט און ער ליגט אין דער מטה, זאל ער הערן דעמאלטס אז מענטשן זאלן אונטער אים זאגן, אז דער וועג ווי דער איד איז געגאנגען, דאס איז די ריכטיגע וועג וויאזוי מ׳דארף צוגיין. ווען מ׳הערט אזעלכע ווערטער, דאס איז א סימן אז דער איד איז געווען א בן עולם הבא. בני יהודה אמרי, עשה דברים לאחר מטתך, ביים לעבן זאלסטו טוען אזעלכע זאכן וואס מ׳זאל פון דיר קענען נאכזאגן ביי דיין הספד, נאכדעם וואס דו גייסט אוועק פון די וועלט זאל מען ביי דיין מטה קענען נאכזאגן וויאזוי דו האסט דיך געפירט.

**דער** ענין דערפון איז, א מענטש דארף זיך מתבונן זיין אין זיין הנהגה, וואס וועלן מיינע קינדער קענען פארציילן פון מיר ווען איך לאז איבער די וועלט. וואס פאר א הנהגה טובה וועלן זיי פארציילן אז זיי האבן געזעהן ביי זייער טאטען. וואס פאר א מדה טובה האט דער טאטע געהאט. וואס פאר א מעלה יתירה איז געווען ביי אונזער טאטן וואס נישט יעדער האט דאס געהאט. אונזערע עלטערן פון פריער׳דיגן דור, יעדער איינער פון אונז קען פארציילן פון זייערע עלטערן געוויסע שטריכן פון ערליכקייט, צדקות, מסירת נפש פון אידישקייט, זה בכה וזה בכה. ״אביך במה הוה זהיר טפי״, זאגט דאך שוין די גמרא (שבת קיח:) אזא לשון, מיט וואס איז ער געווען מער נזהר. **א מענטש דארף טראכטן וואס וועלן מיינע קינדער קענען פארציילן פון וואס זיי האבן געזעהן ביי מיר. וואס טרעפט ער ביי זיך אליין עפעס א דימאנט וואס ער האט פון זיינע מעשים וואס דאס קען זיין א מוסטער און א דוגמא פאר זיינע דורות שפעטער.**

**ואזניך** תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך לכו בו, **א מענטש דארף ביים לעבן טראכטן, אז איך וויל בלייבן א זכרון ביי מיינע קינדער, מוז איך זיך אזוי אויפפירן ביים לעבן, זיי זאלן האבן פון מיר וואס צו פארציילן, זיי זאלן האבן פון מיר וואס נאכצוזאגן, מיין טאטע איז זיין דאווענען געווען אזוי, זיין לערנען איז געווען אזוי, באטש איין געוויסע נקודה, זיין שבת, זיין יום טוב, זיין פסח, זיין סוכות, מיט וואס ער איז געווען אן אויסנאם, געשטאנען העכער פון א צווייטן.**

**איך** האב געהערט אמאל פארציילן, א איד האט געהאט יארצייט נאכן פאטער, האט ער געברענגט תיקון נאכן דאווענען אין שוהל לעילוי נשמתו, האט ער געברענגט א קעיק וואס הייסט א ״סעווען-לעיער קעיק״, האט ער געזאגט אז ער האט וועגן דעם געברענגט דעם קעיק, ווייל ער געדענקט אז זיין טאטע האט עס זייער ליעב געהאט, האט ער געברענגט לעילוי נשמתו דעם קעיק פאר תיקון. כדי בזיון וקצף — אויב דאס איז וואס א טאטע לאזט איבער פאר קינדער! דאס קענען קינדער געדענקען פון א טאטען, אז א טאטע האט ליעב געהאט די און די מזונות. וואס קען ער שוין ערווארטן פון די קינדער אז זיי זאלן איבערגעבן נאכדעם פאר זייערע דורות. עשה דברים לאחר מטתך, א מענטש דארף זיך אזוי פירן, די הנהגה אין שטוב דארף זיין, אז דיינע קינדער זאלן קענען עפעס נאכזאגן נאך דיין מיטה, דערציילען פון דיינע גוטע מעשים מיט וואס דו ביסט געווען אן אויסנאם, ס׳זאל בלייבן פון דיר א מזכרת, אן אנדענק, זיי זאלן האבן אן אנדענק פון וואס פאר א משפחה זיי קומען, אז זיי זאלן זיך קענען מתייחס זיין מיט זייערע עלטערן.

## חינוך הבנים בדרך קירבה ואהבה

**חינוך** פון קינדער איז געווארן היינט פון די עבודות הקשות שבמקדש. קיינמאל איז נישט געווען אזוי שווער מחנך צו זיין קינדער ווי היינט. אמאליגע צייטן זענען אידישע קינדער געווען אפגעזינדערט פן די גוים, כמעט וואס מ׳האט נישט געהאט קיין שייכות און נישט געזעהן זייערע נידריגע געפירעכצער וויאזוי זיי טוען זיך אויפפירן, קינדער האבן אפילו נישט געוויסט — עכ״פ אין די יונגע יארן — די שפל׳דיגע תענוגים פון גויי הארץ וויאזוי זיי פירן זיך, אין וואס זיי זענען איינגעזינקען. מ׳איז נתחנך געווארן אין אן עהרליכע שטוב על דרכי התורה, אפצוהיטן וואס דער אייבערשטער האט געהייסן מ׳זאל זיך פירן מיט קדושה ופרישות מיט ערליכקייט, אזוי האט מען מחנך געווען קינדער יונגערהייט, און זיי האבן נישט געוויסט פון עפעס אנדערש צו זאגן, נאר דאס וואס זיי האבן געהערט ביי די עלטערן. זיי זענען שפעטער עלטער געווארן, האט מען אנגעהויבן צו שפירן א טעם אין עבודת השם, זיי האבן אליין אנגעהויבן צו שטייגן, מוותר צו זיין אויף אן עולם עובר, כדי צוצוקומען צו אן עולם עומד צו אן עולם נצחי. היינט איז אן אנדערע וועלט געווארן, אלע וועגן פון די אומות העולם אלעס איז אפען פאר יעדן קינד! אלע תענוגים פון די וועלט רידערן מיט א קול רעש גדול. די גירוי היצר וואס ס׳איז דא היינט, איז אויף א מבהיל׳דיגן אופן, וואס עס האט קיינמאל נישט עקזיסטירט די מציאות עס זאל קענען אזוי זיין ווי היינט. אונזערע נסיונות זענען זייער שווער, און ס׳איז שווער היינט מחנך צו זיין קינדער בדרך ישראל סבא.

**ווען** א מענטש רעדט צו זיין חבר אויף א פלאץ ווי ס'איז שטיל און רוהיג, אפילו ער רעדט שטיל, אפילו ער זאגט נאר א דיבור קל, הערט מען עס, ס'איז שטיל און ס'איז רוהיג, מ'הערט יעדעס ווארט וואס מ'רעדט. ווען ס'איז דא א גרידער און מ'וויל רעדן צום חבר, מ'קומט אין א חתונה זאל, און דער קול השיר קלאפט אז מ'קען נישט הערן דעם קול, קען מען נישט רעדן צום חבר שטילערהייט, דער חבר וועט נישט הערן, אז מ'וויל רעדן צו אים, מ'וויל דער חבר זאל הערן, מוז ער גיין נאנט צו אים און אים אריינזאגן אין די אויערן כדי ער זאל הערן וואס מ'זאגט, דעמאלטס וועט ער דאס דערהערן, אז נישט וועט ער נישט הערן וואס מ'האט גערעדט. **היינטיגע צייטן, וואס די הבלי עולם הזה טוען רידערען מיט אזא קול רעש גדול, ווען מ'רעדט צו די קינדער, מ'הערט נישט די ווערטער וואס די עלטערן רעדן. דער עולם הזה איז אזוי רעש'יג אז די קינדער זענען נישט דערביי צוצוהערן וואס די עלטערן רעדן. אז מ'וויל אז דאס קינד זאל יא הערן, איז נישטא נאר איין עצה, נאנט צו ווערן צו דעם קינד.** אריינרעדן אין די אויערן. מ'מיינט נישט אין די אויערן א קירוב חצוני, א אויסענווענדיגן קירוב, נאר א קירוב פנימי, א נאנטקייט. וויפיל עלטערן זענען דא וואס זענען ווייט פון די קינדער, מען זעהט זיך דאך זעלטן היינט מיט די קינדער, און אפילו ווען מ'טרעפט זיך שוין, שרייט מען אן, מ'דארף דאך מוסר זאגן אויך, ס'איז זייער מצוי אז ס'איז נישטא קיין נאנטקייט צווישן קינדער און עלטערן.

**מ'דארף זעהן מקרב זיין א קינד. דער קינד זאל זיין נאנט צו זיין הארץ, און ער זאל זיין נאנט צו דעם הארץ פונעם קינד. דער טאטע דארף טרעפן א וועג וויאזוי ער קען ממשיך זיין, זיין קינד מיט עבותות אהבה, מיט ליבשאפט, אז דאס קינד זאל זיך שפירן נאנט צו דעם טאטען, ער זאל קיינמאל נישט וועלן איבערלאזן די שטוב ווייל אזוי גוט איז ביי מיר אינדערהיים ביי מיינע עלטערן, און ער זאל וועלן הערן וואס דער טאטע זאגט אים.** דער טאטע דארף צולייגן א אויער צו א קינד אפילו ווען ער האט נישט קיין געדולד, ער קומט אהיים שפעט, און ער האט שוין נישט קיין געדולד צו די נארישקייטן פון קינדער, אבער ווען דאס קינד זעהט אז דער טאטע איז נישט אינטערסאנט אין וואס איך רעד, ווערט ער אפגעקילט פונעם פאטער. מ'איז מחוייב ווען מ'קומט אהיים, אז דאס קינד וויל עפעס זאגן, אויסהערן וואס ער זאגט, אפילו ער איז נישט דערביי. ווייזן א נאנטקייט צו דעם קינד, זיך משתעשע זיין, אונטערהאלטן זיך, מיט א קינד, בשעת מ'האט די געלעגענהייט דערצו.

**און דעמאלטס ווען מ'איז נאנט צו א קינד, דעמאלטס קען מען הערן אפילו ווען ס'איז דא קול רעש גדול פון הבלי עולם הזה וואס זענען מרעיש אינדרויסן, מען קען רעדן צו א קינד און דאס קינד וועט דאס דערהערן, און ער וועט נישט געשטערט ווערן פון די קולות וואס ס'איז דא פון די גאס.**

**ביי** יציאת מצרים שטייט אין פסוק (שמות י, ב) למען תספר 'באזני' בנך ובן בנך, דו מוזט צו אים רעדן אין די אויערן, אז דו ווילסט אז די סיפור וואס דו פארציילסט אים זאל מאכן אויף אים א רושם, דארפסטו זיך מתקרב זיין צו זיין הארץ, זיין נאנט לעבן אים, אזויווי איינער וואס רעדט צו יענעם ווען ער שטייט צו אים נאנט, און דעמאלטס אפילו ווען די גאס שרייט אנדערש, וועט דאס קינד דערהערן וואס דו פארציילסט אים, און ס'וועט אריינגיין די ווערטער וואס דו זאגסט אים אינעם הארץ. הט אזנך ושמע דברי חכמים (משלי כב, יז), מ'דארף נאנט ברענגען א קינד אז מ'זאל אים קענען אין די אויערן אריינזאגן, הט אזנך, בייג דיר צו די אויערן, שטיי צו מיר נאנט, וועסטו דערהערן די דברי חכמים וואס איך לערן מיט דיר.

## התנהגות ההורים יהיו לדוגמא לבניהם אחריהם

**נאך** א וועג איז דא, ווען מען איז אויף א פלאץ ווי ס'איז דא א גרויסע רעש און מ'קען נישט דערהערן, און מ'וויל יענעם צוברענגען ער זאל משים לב זיין, איז ווען א מענטש זעהט פאר זיינע אויגן א זאך, מאכט עס אויף אים מער רושם פון אלע קולות וואס ער הערט ארום און ארום. ווען א מענטש איז אין א זאל און מ'קען נישט רעדן, אבער מ'ווייזט אים א בילד, ער זעהט עפעס א אויסשטעלונג פאר זיינע אויגן, אז ער זעהט עס פאר די אויגן, מאכט דאס מער רושם פון אלע גרידער וואס ער הערט ארום און ארום, ס'שטערט אים גארנישט וואס ער הערט, ער איז יעצט פארטוען אין די זאך וואס ער זעהט. ווען קינדער זעהן וויאזוי עלטערן פירן זיך, דאס מאכט א גרעסערן רושם אויף זיי ווי די רעש פון דער גאס.

**יעדער** ביי אונז ווייסט, אז דער עיקר השפעה וואס ער האט געהאט פון זיינע עלטערן אין שטוב, וואס ער האט געהאט ביי זיינע רבי'ס, איז נישט נאר דאס וואס מ'האט געלערנט מיט אים, נאר דאס וואס ער האט געזעהן פון זיי, זיי זענען געווען א מוסטער וויאזוי א איד דארף זיך צו פירן, און דאס איז געבליבן פאר דעם קינד אין הארץ אלע זיינע טעג שפעטער, און קיין שום זאך האט נישט געקענט אוועקנעמען פון אים די צורה וואס ער גערענקט וויאזוי זיינע עלטערן וויאזוי זיינע רבי'ס האבן זיך געפירט, דאס שטייט אים פאר די אויגן, דאס וואס מען זעהט קען מען נישט אוועקנעמען פון קיין שום מענטש, און דאס לאזט איבער א רושם.

**די** עיקר השפעה וואס האט געמאכט א רושם אויף אונז, איז נישט געקומען פון דעם וואס מ'האט געזעהן אז די עלטערן זענען מקיים די מצוות [דאס איז נאר א קליינער חלק], **נאר וואס מ'האט געזעהן די ליבשאפט וואס זיי האבן געהאט צו א מצוה. דער תענוג, דער חיות, די שמחה, דעם קורת רוח, וואס זיי האבן געהאט בשעת זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן**, וואס האט בולט געווען, ווער ס'האט זיי אנגעקוקט האט געזעהן וויאזוי די מצוות פונעם אייבערשטן איז ביי זיי נחמדים מזהב ומפז רב, ס'איז מתוקים מדבש ונופת צופים, דאס האט געמאכט א געוואלדיגן רושם, וואס ער האט געזעהן ביי זיין טאטען ביי זיין רבי'ן אז זיי זענען מוותר אויף געלט, זיי זענען מוותר אויף באקוועמליכקייט, כדי צו טוען א מצוה, און יעדע טירחא איז געווען ביי זיי גארנישט גערעכנט אקעגן דעם תענוג וואס זיי האבן פון טוען א מצוה.

## קיום המצות בחביבות משאיר רושם עז בבית

**איך** וועל עס מער מסביר זיין, א טאטע לערנט מיט א קינד אז מ'דארף זיצן סוכות אין א סוכה, דאס קינד לערנט, אבער אוודאי מאכט א גרעסערן רושם ווען ער זעהט אז דער טאטע אליין איז דאס מקיים, ווען ס'קומט סוכות און דער טאטע זעצט זיך אריין אין די סוכה לאזט דאס איבער א גרעסערן רושם אויף אים. אויב ער זעהט אז דער טאטע איז נישט נאר מקיים די מצות סוכה אויף די פאר מינוט וואס מ'דארף זיצן אין די סוכה, נאר זיין גאנצער חיות איז די סוכה, ווען ער האט א מינוט צייט גייט ער צוריק אריין אין די סוכה, לאזט עס איבער אויף אים נאך א גרעסערן רושם. אבער נאך א גרעסערן רושם מאכט אויפן קינד, ווען ער זעהט ווען מ'געזעגנט זיך פון די סוכה, און דער טאטע גייט צו און ער קושט די ווענט פון די סוכה, און ער גייט אריין אין שטוב מיט א שמחה מיט א פרייליכקייט, איך בין דאך גאנצע זיבן-אכט טאג געזעסן אין די סוכה און מקיים געווען די מצוה. די נקודה וואס א מענטש פאסט אפילו נישט אויף, דאס איז די נקודה וואס רירט אן ביים קינד דאס מערסטע, **ווייל דאס קינד זעהט דעמאלטס די ליבשאפט וואס דער טאטע האט צו די מצוה, וואס פארא שמחה ער האט אז ער האט מקיים געווען די מצוה. דאס ווייזט אז דער טאטע האט נישט מקיים געווען די מצוה ווייל מ'דארף מקיים זיין, ווייל ער האט א עול אויף זיך אז ער דארף אזוי טוען, און ער האט שוין אפגע'פטר'ט, ער האט שוין געענדיגט וואס ער האט גערארפט צו טוען, נאר ס'ווייזט ארויס זיין חשיבות מיט זיין ליבשאפט צו די מצוה.**

**ווען** ס'איז דא מזוזה אויף די טיר און מ'גייט אדורך, און מ'פארגעסט נישט ארויפצולייגן די הענט אויף די מזוזה און א קוש צו געבן אויף די מזוזה,

דאס ווייזט אויף די ליבשאפט וואס א מענטש האט צו די מצוה. ווען ער זעהט וויאזוי זיין טאטע איז מכבד זיין רבי', צי ער איז מכבד חכמי ישראל, וואס פון ליבשאפט געט ער זיי א קוש פון אהבה צו תורה. ווען ער זעהט וויאזוי דער טאטע טאנצט שמחת תורה וויאזוי ער פריידט זיך מיט די תורה, דאס איז א בילד וואס בלייבט ביי דעם קינד אויף שטענדיג, אסאך און אסאך מער ווי ווערטער וואס מ'הערט - און דאס בלייבט אויף שטענדיג! אפילו ווען ס'איז דא א גאס וואס רידערט וואס פארפירט מענטשן אין תענוגי עוה"ז, דאס אבער וואס ער זעהט מיט די אויגן דאס גייט אריין טיפער און דאס בלייבט ביי אים א שטענדיגער קנין.

**חנוך** לנער על פי דרכו (משלי כב, ו), ווען דו ביסט מחנך א קינד, נישט נאר זיי אים מחנך מיט ווערטער, נאר דו דארפסט אים מחנך זיין על פי 'דרכו', מיט דיין וועג וויאזוי דו פירסט זיך, דעמאלטס איז גם כי יזקין לא יסור ממנו, וועט דאס נישט אוועקגיין פון אים.

## משארום צרורות בשמלותם על שכמם

**די** תורה הקדושה פארציילט, ווען אידן זענען ארויס פון מצרים, איז געווען משארותם צרורות בשמלותם על שכמם (שמות יב, לד), משארותם גייט ארויף אויף שיירי מצה ומרור, מיט דעם זענען זיי ארויסגעגאנגען על שכמם. ס'איז געווען פסח ביינאכט, זיי זענען ארויסגעגאנגען דעם אנדערן צופרי, מ'האט געגעסן נעכטן מצה ומרור, און מ'האט גענומען די שיריים וואס ס'איז געבליבן פון די מצה ומרור, על שכמם, און מיט דעם איז מען ארויסגעגאנגען. דער בעל הטורים ברענגט צו אויף צרורות איז דא צוויי פסוקים, איינס שטייט דא משארותם צרורות בשמלותם על שכמם, נאכדעם איז דא א פסוק (אין שמואל ב כ-ג) ותהיינה צרורות עד יום מותן. קען זיין דער פשט דערפון איז, אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים און זיי האבן גענומען די שיירי מצה ומרור על שכמם, לאמיר זיך פארשטעלן (פיקטשערן) וויאזוי דאס האט אויסגעקוקט, יעדער איד איז ארויסגעגאנגען פון מצרים זאגט די גמרא (בכורות ה:) מיט תשעים חמורים טעונים מכספם וזהבם פון מצרים, מיט ניינציג אייזלען אנגעפולט מיט זילבער און גאלד, וינצלו את מצרים (שמות יב-לו), אידן האבן אויסגעליידיגט מצרים כמצולה שאין בה דגים (ברכות ט.). וואס האבן זיי געלייגט אויף די בהמות גאלד און זילבער, וואס האבן זיי נישט געלייגט אויף די בהמות נאר זיי האבן עס געטראגן ביי זיך על שכמם, שיירי מצה ומרור. ס'איז געבליבן שיריים פון די מצה מיט די מרור, נעכטן האבן מיר באקומען א מצוה פונעם אייבערשטן די ערשטע מאל אין אונזער לעבן אז מ'זאל עסן פסח מצה ומרור, פסח קען מען נישט מיטנעמען, ס'איז דאך נותר, מ'האט דאך געדארפט פארברענען אז ס'איז געבליבן דערפון, ס'איז געבליבן שיריים פון מצה ומרור, און די שיריים פון מצה ומרור איז שוין עבר זמנו, מ'האלט שוין נאכדעם, מ'האלט שוין א טאג שפעטער, און אידן האבן זיך מיטגענומען די שיירי מצה ומרור, און מ'האט דאס נישט ארויפגעלייגט אויף די בהמה נאר ס'איז געווען צרורות בשמלותם על שכמם, פון די ליבשאפט פון די מצוה האבן זיי געטראגן אויף זיך די שיירי מצה ומרור.

**וואס** טוען מיר נאכ'ן סדר צופרי, ס'בלייבט איבער אויפן טיש חרוסת מיט מצה מיט מרור, מ'קערט עס אפ און מ'ווארפט עס אוועק. אידן האבן נישט אזוי געטוען. אידן ווען זיי האבן איבערגעלאזט מצרים, האבן זיי נישט איבערגעלאזט די שיירי מצה ומרור אין מצרים אויפן טיש, און זיי האבן דאס נישט געלייגט אויף די חמורים, נאר זיי האבן דאס מיטגענומען צרורות בשמלותם על שכמם, זיי האבן דאס מיטגענומען מיט זיך אויף זייער אקסל.

**מען** זעהט ווען א מענטש פארט אונטערוועגנס, ער פארט אויפן עראפלאן, א חלק פון זיינע זאכן פאקט ער איין אין רענצלעך, און דאס לייגט מען אונטען אין עראפלאן דארט ווי מ'טראגט די פעקלעך, ווען ער האט אבער ביי זיך חשובע זאכן, דאס געבט ער נישט אריינצוגיין אונטען אין דעם פעקל, דאס נעמט ער מיט זיך, ער האט א קליינע רענצל וואס דאס נעמט ער ארויף מיט אים אויפן עראפלאן, דאס לייגט ער העכער זיין קאפ כדי אכט צו געבן דערויף. ווען ער טראגט מיט זיך געלט צו דימאנטען, דאס טרויט ער נישט אפילו ארויפצולייגן אויבן, דאס לייגט ער ביי זיך אין טאש אריין, נאנטער צו זיין גוף, דאס וועט ער נישט לאזן אז ס'זאל פארלוירן ווערן. אידן האבן נישט אזוי געטוען, כסף וזהב וואס מ'האט ארויסגענומען פון מצרים האבן זיי געלייגט אויף די חמורים, שיירי מצה ומרור דאס האבן זיי גענומען בשמלותם, דאס האבן זיי געטראגן אין זייערע קליידער ארויפגעלייגט על שכמם, צו ווייזן די חביבות וואס זיי האבן צו א מצוה פונעם אייבערשטן! אפילו די שיריים וואס ס'איז געבליבן פון די מצוה ווי חשוב ס'איז געווען ביי זיי.

**איך** געדענק ביי מיין טאטען ז"ל, פסח ביים סדר האט ער געגעסן מצה ומרור ווי דער סדר איז, און נאכן עסן פאלט דאך אראפ שטיקלך פון די מצה פון די מרור אויפן קאוטש צי אויף די בעקיטשע (ווי דער סדר איז) ווען ער האט אויפגעגעסן די מצה מיט די מרור, ער האט זיך אויפגעזעצט, האט ער אנגעהויבן צוזאמצוקלויבן, יעדע ברעקעלע מצה וואס איז אים געווען אויפן בגד האט ער אריינגענומען אין מויל, יעדע שטיקל פון די מרור וואס איז געווען האט ער אריינגענומען אינעם מויל, צו ווייזן א חיבה פאר די מצוה! נישט מ'האט יוצא געווען א כזית מצה און א כזית מרור, ס'איז געווען א חשיבות פאר זיך, און די קינדער האבן צו געזעהן די ליבשאפט וואס א איד דארף האבן צו די מצוה, די קינדער וואס האבן דאס צוגעזעהן וואס פארא רושם דאס האט געמאכט.

**ווען קינדער זעהן א הנהגה ביי די עלטערן ווי זיי האבן ליב א מצוה, וויאזוי מ'האט א חיות פון טוען א מצוה, דאס וועט בלייבן ביי די קינדער שטענדיג. דאס איז אין אומר ואין דברים, מ'דארף נישט זאגן קיין מוסר, און מ'דארף נישט אויפקלערן זיי, די מחזה וואס זיי זעהן וויאזוי דער טאטע האט געטוען אמאל א מצוה, און ער האט דאס געטוען מיט א שמחה, דאס וועט בלייבן פאר זייערע אויגן שטענדיג.**

## בנים המתנהגים בדרכי התורה מזכים את האב גם בעולם הבא

**ווען** ס'קומט די צייט און מ'גייט אוועק פון די וועלט, וועט ער נהנה זיין פון דעם וואס ער האט איבערגעלאזט קינדער וואס פירן זיך על דרכי התורה. במתים חפשי, כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות (שבת ל:), אבער די עבודת השם פון די קינדער דאס וועט אים בלייבן שפעטער, ברא מזכה אבא (סנהדרין קד.), א קינד איז מזכה דעם פאטער. א מענטש נעמט זיך גארנישט מיט פון די וועלט, ווען ער גייט אוועק פון די וועלט האט ער נישט עפעס אנדערש נאר 'שמלותם על שכמם', ער גייט ארויס מיט איינצלנע בגדים וואס מ'האט אים אנגעטוען, מיט דעם גייט ער אוועק פון די וועלט.

**זאגט** דער פסוק, משארותם, דאס וואס אידן האבן זיך געפירט מיט דעם וואס ס'איז זיי איבערגעבליבן די שיירי מצה ומרור, דאס איז בשמלותם על שכמם, ווען מ'גייט אוועק פון די וועלט און מ'בלייבט נאר מיט שמלותם על שכמם, דעמאלטס נעמט מען מיט די משארותם, וואס עס איז געבליבן ביי די קינדער, דער חלק וואס זיי האבן געזעהן די ליבשאפט וואס מ'האט צו תורה און צו מצוות. זאגט די מסורה, ותהיינה צרורות עד יום מותן, דאס וואס מ'האט געזעהן ביי די עלטערן משארותם צרורות בשמלותם על שכמם, דאס בלייבט צוגעבינדן עד יום מותם ועד בכלל, די השפעה פון די הנהגה וואס א איד פירט זיך, דאס בלייבט ביי די קינדער אויף שטענדיג.

**דאס דארף מען געדענקן, אונז האבן מיר נישט קיין חשוב'ערע זאך ווי אונזערע קינדער. ס'קומט אמאל א טאג וואס ותשובתו הרמתה כי שם ביתו, מ'לאזט אלעס איבער און מ'קערט זיך צוריק הרמתה, כי שם ביתו, דארט איז אונזער שטוב, דעמאלטס האט מען נישט מער ווי תענוג פון די קינדער וואס מ'האט איבערגעלאזט אויף די וועלט וואס גייען בדרכי התורה, זיי זענען די שווארץ אפל פון אונזער אויג וואס מ'דארף זיי היטן.** א מענטש איז מחויב אלעס צו טוען וואס עס איז

בידו, אויפצושטעלן אן ערליכן דור, אויפצושטעלן ערליכע אידישע קינדער. ס'איז שווער, מ'דארף מוותר זיין אויף אסאך זאכן אין א שטוב, אז קינדער זאלן עס נישט וויסן, קינדער זאלן עס נישט זעהן, ס'קומט נישט אייביג אן גרינג, אבער אז מ'וויל האבן דעם נצחיות פון די קינדער, ס'זאל זיין תהיינה צרורות עד יום מותם, מוז זיין דער משארותם, אז מ'זאל זעהן וויאזוי די עלטערן זענען נהנה פון תורה ומצוות, דעמאלטס לאזט עס איבער א חיות אויף שפעטער אויך.

## חלושי כשרון יכולים בשאיפה חזקה להתגדל להיות גדולי תורה

**איך האב געוואלט רעדן א נושא, ס'איז דא שוואכע קינדער, זיי זענען נישט קיין בעלי כשרון, שוואכע בחורים, ס'קומט זיי אן שווער תופס צו זיין דאס לערנען, דער קאפ איז שוואך ער כאפט נישט אזוי שנעל אויף. אסאך מאל זענען זיך די עלטערן מייאש פון די קינדער, און כל שכן די קינדער אליין, זענען אוודאי מיואש פון זיך אליין אז זיי וועלן נאך האבן אמאל א מעגליכקייט זוכה צו זיין בכתרה של תורה. אסאך מאל קומט אויס, אז זיי ווערן אוועקגעשטופט פון ישיבות וואס זיי קענען זיך נישט מסדר זיין, ווייל זיי האלטן נישט דערביי זיי זאלן זיך פלאגן, זיי זאלן זיך מתאמץ זיין און זיך אנשטרענגען, האבן זיי אויפגעגעבן האפענונג. איך בין א חלש, איך קען נישט, איך קען זיך נישט צופאסן.**

**אלע** ווייסן מיר, ווי פריער גערעדט, פון הגאון רבי שמואל וואזנער זצ"ל, וויאזוי ער איז נתעלה געווארן, ער איז געווארן א גדול הדור, ווי מ'האט פריער דערמאנט, נישט יעדער ווייסט אבער זיין היסטאריע וויאזוי ער איז צוגעקומען און ער איז אזוי אויסגעוואקסן. איך פארצייל עס נאר וועגן דעם כדי מ'זאל זיך אראפלערנען און נעמען פון דעם חיזוק. וויאזוי ער האט זוכה געווען דערצו, ס'איז געווען מיט א געוואלדיגן פלאג צו תורה, ער איז נישט נתגדל געווארן אין א רבני'שע שטוב און נישט קיין רבי'שע שטוב, אין א פשוטע פשוטע שטוב איז ער ערצויגן געווארן. א שטוב וואס די שאיפה איז נישט געווען דוקא פון שבתי בבית ה' כל ימי חיי, וואס מ'זאל אים מעודד זיין און מ'זאל אים מחזק זיין ער זאל אוועקגעבן אלע זיינע יארן פאר תורה, נישט אין אזא שטוב איז ער ערצויגן געווארן. זיינע כשרונות זענען געווען שוואכע כשרונות, דער מלמד האט נישט געוואלט מיט אים לערנען, ווייל ער האט געזאגט, ווילאנג איך געב אים צו פארשטיין איין זאך, קען איך לערנען מיט אנדערע אסאך מער, און ווען איך געב אים שוין צו פארשטיין, געדענקט ער דאס נישט, און ער האט זיך אפגעזאגט אז ער וויל נישט מיט אים לערנען. אבער ער האט זיך נישט געלאזט און ער האט פלייסיג געלערנט, ער האט זיך געמוטשעט, איבערגעגאנגען נאכאמאל און נאכאמאל ביז ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין, ער איז שעות ארוכות געזעסן און איינגע'חזר'ט דאס ביסל וואס ער האט געקענט כדי ער זאל קענען דאס לערנען.

**אין** בני ברק איז דא א מכון וואס הייסט "אחיה", דאס איז א מכון וואס ס'איז געמאכט געווארן פאר שוואכע קינדער, דאס איז א פלאץ וואס מ'געט זיך דארטן אפ אזויווי "חוש" בערך, און ער איז געווען דארטן ביי א חנוכת הבית אין דעם פלאץ, און ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער געזאגט פאר דעם מנהל פון דעם מוסד, ווען אזא מוסד וואלט געווען אין וויען ווען איך בין געווען יונג, וואלט איך געווען דער ערשטער תלמיד וואס מ'וואלט מיך אריינגעלייגט אהין! אזוי שוואך זענען געווען זיינע כשרונות צום לערנען.

**און** ער האט זיך געפלאגט, און ער האט פלייסיג געלערנט, און ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין לערנען, און ער איז שוין אויסגעוואקסן א בן תורה, ביז נפשו חשקה בתורה, ער וויל גיין לערנען אין ישיבה חכמי לובלין. מ'האט אים נישט געוואלט אננעמען, ווייל זיינע כשרונות זענען נישט געווען צוגעפאסט צו אזא הויכע דרגא לימוד וואס ס'איז געווען דארטן. ביז ער האט זיך אויסגעבעטן אז מ'זאל אים אריינעמען אין די ישיבה, און מ'האט אים אריינגענומען אויף פראבע פאר דריי חדשים, מ'וועט זעהן וויאזוי ער וועט זיך מסדר זיין. האט ער פארציילט, ווען ער איז אריין אין ישיבה האט ער נישט געהאט אפילו איין בחור וואס האט געוואלט מיט אים לערנען. מ'האט געוויסט אז ער איז א שוואכער, און ער איז דא נאר אויף פראבע, און קיינער האט אים נישט געזוכט פאר א חברותא. איז ער געזעסן אליין פון צופרי ביז ביינאכט ביי די גמרא און ער האט זיך אליין געפלאגט אויף לערנען, ביז ס'איז געווען איין בחור אין די ישיבה וואס האט רחמנות געהאט, אז א בחור זיצט א גאנצן טאג אליין און ער האט נישט מיט וועם צו רעדן, האט ער אים געזאגט, ביינאכט וועט ער מיט אים לערנען א שיעור. איין חברותא האט ער געהאט ביינאכט מיט וועם ער האט געלערנט אלס רחמנות;

**ס'איז** אדורך די דריי חדשים, האט די הנהלה געזאגט אז ער האט נישט עומד געווען בנסיון, ס'איז נישט געלונגען, ס'לוינט זיך נישט ער זאל בלייבן דא ווייטער, ער זאל אוועקגיין. איין איד אין די הנהלת הישיבה - וואס ער האט אים שטענדיג מכיר טובה געווען — האט זיך אריינגעלייגט פאר אים און ער האט געזאגט, א בחור פלאגט זיך אזויפיל אויף לערנען מ'טאר אים נישט אוועקשיקן פון דא. איז ער געבליבן דארטן לערנען און ער האט זיך געפלאגט, און ער האט שטענדיג מכיר טובה געווען פאר דעם פון די הנהלה וואס האט אים געלאזט בלייבן אין די ישיבה. האט ער פארציילט אז ס'איז געווען  דארטן רבי שמעון זעליחוב'ער, אן אדם גדול מאוד, דער משגיח אין די ישיבה. דער משגיח האט אים שטענדיג מחזק געווען און ער האט אים געזאגט די גאנצע צייט, זיי נישט צובראכן, געב נישט אויף, דו זאלסט מתפלל זיין צום אייבערשטן, שטארק דיך, וועסטו זוכה זיין צום סוף צו סייעתא דשמיא אז דו וועסט מצליח זיין.

**און** ס'איז אויסגעוואקסן פון אים א מאור הדור! אויסגעוואקסן א איד וואס איז געווען בקי בכל התורה, וואס האט מזכה געווען די וועלט מיט זיין תוה"ק!

**א מוסר השכל, א שוואכער בחור, א חלש אין כשרון, אויב מ'וויל פלייסיג לערנען, מ'לייגט זיך אריין דעם קאפ אין לערנען און מ'חזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל, דאס ביסל וואס ער פארשטייט חזר'ט ער איבער נאך און נאך, וועט זיך דער קאפ עפענען! די כשרונות וועלן זיך אנטוויקלען. ס'איז מחייב יעדן איינעם צו וויסן צו וואס מ'קען צוקומען ווען א מענטש פלאגט זיך און ער האט התמדת התורה און א רצון צו וואקסן.**

**דער** מהר"ם שיק ווייסט מען, אז ער האט אויך געהאט א שוואכן קאפ. ס'שטייט אין דרכי משה החדש תולדות פון מהר"ם שי"ק, אז דער מהר"ם שיק האט געזאגט אויף זיך, אז אין די יוגענט האב איך געהאט א קאפ, אין אונגאריש האט מען דאס גערופן א "טוק", אזוי האט מען גערופן א קירבע, און איך האב דאס אויסגעארבעט אז איך זאל האבן א מענטשליכן קאפ. אלעס איז געקומען פון די יגיעה. און ער פלעגט צו זאגן פאר די בחורים אין די ישיבה, אז ר' אלעזר בן חרסום האט מחייב געווען די עשירים, און הלל האט מחייב געווען די עניים, איך בין מחייב — האט דער מהר"ם שיק געזאגט — די וואס האבן שוואכע כשרונות און זיי לערנען נישט! ווייל איך האב נישט פארשטאנען קיין גמרא ווען איך האב מיך געזעצט לערנען, איך האב נישט געדענקט וואס איך האב געלערנט, אבער איך האב מיך קיינמאל נישט מייאש געווען, איך בין איבערגעגאנגען פערציג מאל יעדע שורה גמרא ביז איך האב פארשטאנען וואס איך האב געלערנט, און איך האב פארגאסן טרערן צום אייבערשטן אז דער באשעפער זאל מיר געבן שכל איך זאל פארשטיין לערנען, און איך האב געשפירט ווי ס'עפענט זיך מיר דער מח נאך און נאך, ביז ער איז אויסגעוואקסן אזא גדול ווי דער מהר"ם שיק איז געווען.

## אם ריק הוא, מכם הוא, שאין אתם מתייגעים בה

**משה** רבינו, די לעצטע ווערטער וואס ער האט גערעדט צו אידן האט ער זיי געזאגט (דברים לב-מו), שימו לבבכם לכל הדברים לשמור לעשות

את כל דברי התורה הזאת כי לא דבר ריק הוא מכם, די תורה איז נישט פון ענק ליידיג, כי הם חייכם, דאס איז ענקער לעבן, ובדבר הזה תאריכו ימים, מיט דעם וועט עטץ מאריך ימים זיין, שטייט אין ירושלמי (פאה ג-א), אם ריק הוא, ווען דו זעהסט אז די תורה איז ליידיג, מכם הוא, איז דאס פון ענק, בשביל שאין אתם מתייגעים בה, ווייל עטץ האטס ענק נישט געפלאגט. ווען מ'פלאגט זיך אויף תורה איז נישטא קיין ריק, אפילו א מענטש איז א חלש און ער האט א שוואכע תפיסה, אבער אז מ'לייגט זיך אריין אין תורה, און מ'לאזט זיך נישט שטערן פון אלע שטותים פון די נייעסן וואס ס'איז דא אויף דער וועלט, ס'אינטערסירט אים גארנישט נאר אפצולערנען נאך א בלאט און נאך א בלאט, סוף כל סוף וואקסט מען אויס.

**דאס** איז א מוסר השכל פאר אונז אלע, סיי פאר בחורים, סיי פאר יונגעלייט. **איך וועל אנהייבן מיט די בחורים, ס'איז דא אסאך מאל בחורים אין ישיבות וואס זיי זעהן נישט קיין סימן ברכה אין זייער לערנען. ס'איז נישט ווייל זיי האבן א שוואכן כשרון וועגן דעם זעהן זיי נישט קיין סימן ברכה, נאר ווייל זיי האבן נישט קיין 'רצון' און זיי האבן נישט קיין 'התמדה', ווען ס'וואלט געווען רצון, אז מ'וויל, און ס'איז דא התמדה פלייסיג לערנען, קומט מען אן!** ס'קומט אן אביסל שווערער אבער מ'קען אנקומען. מ'שטייט שוין סוף זמן ס'איז שוין חודש אדר, ס'איז נאך דא צוויי חדשים ביז צום קומענדיגן זמן, אז מ'לייגט זיך אריין אין תורה און מ'לערנט בלאט נאך בלאט, נישט אויפשטעלן זיך ביז איך קען נישט די קשיא די תירוץ א.א.וו. סוף כל סוף וועט מען זעהן שפעטער פירות אינעם עמל וואס מ'האט זיך געפלאגט.

## כל אחד ואחד מסוגל לעמוד על המבחן לכמה דפים מידי חודש בחדשו

**יונגעלייט**, איך רעד נישט פון די וואס האבן זוכה געווען צו זיצן אין כולל און לערנען, איך רעד פון בעלי בתים. ס'איז דא חבורות, ביי אונז איז דא "ובהם נהגה", אין אנדערע פלעצער איז דא אנדערע חבורות וואס מ'לערנט, נישט קיין סאך, אן עמוד א טאג, א חודש לערנט מען צען בלאט, מ'האט געגעבן צייט אז מ'זאל עס קענען איבער'חזר'ן, ס'איז דא א בחינה וואס מ'שטעלט זיך סוף חודש. **פארוואס קען זיך נישט יעדער יונגערמאן שטעלן צו אזא בחינה? פארוואס קען ער נישט נעמען אויף זיך איינמאל א חודש אז וואס מען לערנט איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל ער זאל עס געדענקען און זאל זיך קענען פארהערן? ווייל ער טראכט ס'איז נישט פאר מיין השגה, איך שפיר נישט אז איך קען עס דערהייבן. אם ריק הוא, אז דו שפירסט אז דו ביסט ליידיג זאלסטו וויסן מכם הוא, דאס איז פון ענק, שאין אתם מתייגעים בה, ווייל מ'פלאגט זיך נישט. ווען מ'פלאגט זיך אויף תורה, ווען מ'האט א רצון אז מ'וויל, איך וויל עס קענען און מ'וועט אויסנוצן די צייט, וועט מען עס קענען.** טעמו וראו כי טוב ה', פרובירטס, הייבטס אן, נעמטס א חודש די בחינה פון דעם חודש, עטץ וועטס שפירן וואס פארא טעם און תענוג ס'איז אז מ'קען וואס מ'האט געלערנט, און מ'פארשטייט וואס מ'האט געלערנט, און מ'האט וואס צו טראכטן אין תורה, וועט מען זעהן נאכדעם אז מ'קען שפעטער אסאך און אסאך מער אנקומען.

**ס'איז** געווען א איד דא ר' משה הענדלער ז"ל, ער האט פארציילט, אז ווען ער איז געקומען אהער קיין אמעריקא, איז ער געגאנגען מקבל פנים זיין, זיין רבי'ן, דער סאטמאר רב זי"ע. און ער האט אים דעמאלטס געזאגט: משה, הער אויס, **דו זאלסט וויסן אז דא אין אמעריקא איז זייער גרינג צו זיין אן עהרליכער איד, אפילו דו וועסט וועלן גיין מיט א שטריימל אינמיטן די וואך, ס'וועט דיך קיינער נישט שטערן, דו קענסט טוען וואס דו ווילסט, ס'איז זייער גרינג צו זיין עהרליך דא אין אמעריקא, אבער אז מ'זאל האבן א 'רצון' צו זיין אן עהרליכער איד, איז נישטא נאך אזא פלאץ ווי ס'איז אזוי שווער ווי אין אמעריקא.** אן עהרליכער איד צו זיין קען מען, אבער 'וועלן' זיין אן עהרליכער איד, דאס איז זייער שווער. די תענוגים פון אמעריקא, די פרייהייט, די רדיפות הממון, שלעפט אוועק דעם מענטש ער זאל נישט האבן קיין רצון.

**די** זעלבע איז לגבי לימוד התורה, ס'איז קיינמאל נישט געווען א תקופה ביי אידן וואס ס'זאל זיין אזוי גרינג אויסצוואוואקסן א תלמיד חכם ווי ס'איז היינט. ס'איז קיינמאל נישט געווען אזא צייט וואס א בחור צי א יונגערמאן זאל קענען שטייגן און פארשטיין לערנען אזוויווי ס'איז דא היינט. אמאל אז מ'האט געוואלט לערנען, האט ער געדארפט האבן א רבי ווער ס'זאל מיט אים לערנען, און דער רבי האט געדארפט האבן געדולד ער זאל מיט אים לערנען, נישט אייביג האט ער געהאט ווער ס'זאל מיט אים לערנען, אסאך שוועריקייטן זענען געווען. ס'איז היינט דא גמרות וואס מ'האט געדרוקט מיט א גרינגן פירוש אויף גאנץ ש"ס, וואס א קינד קען פארשטיין וואס מ'לערנט, און מ'קען דאס איבער גיין נאכאמאל און נאכאמאל ביז ער פארשטייט געהעריג וואס מ'האט געלערנט. ס'איז דא ביאורים אין די גמרות וואס זענען מפרש, יעדע קשיא מערקט מען אן תיכף, און מיט אזא שיינעם לשון איז מען דאס מסביר. ס'איז דא ארטסקרול גמרות, ס'איז דא מתיבתא גמרות, ס'איז דא גמרות מיט אידיש פאר די וואס פארשטיין נאך ווייניגער. ס'איז דא טעיפס פון מגידי שיעורים אויף יעדע מסכת אין ש"ס, וואס ער האט א חבר מיט וועמען ער קען עס מיטלערנען. **אז א מענטש וויל זיין א מתמיד אין לערנען, קען ער לערנען איין בלאט נאכן אנדערן בלאט און פארשטיין אין א קורצע צייט וואס אמאל האט מען זיך געדארפט אזויפיל פלאגן דערויף. ער דארף נישט גיין זוכן קיין רבי'ן, ער דארף נישט גיין זוכן א חבר ווער ס'זאל אים זאגן פשט אין א זאך, אלעס ליגט פאר אים היינט כשולחן הערוך ומוכן לאכול, ער דארף נאר האבן דעם רצון זיך אראפצוזעצן, איך וויל קענען דעם בלאט גמרא! דער רצון פעלט צו ליגן אין אהלה של תורה, און מען דארף זיך נישט לאזן מתבלבל זיין פון די נייעסן וואס ס'איז דא אויף דער וועלט, דעמאלטס קען יעדער זוכה זיין צו כתרה של תורה!**

## הכלים הטכנולוגים מעבירין את האדם על דעתו ודעת קונו

**ס'איז** געווארן שפעט, איך וויל נאך צוענדיגן מיט אן ענין, פון די טעכנעלאגישע כלים. מ'האט שוין כמה פעמים גערעדט דערפון, די סמארט-פאונס וואס זענען מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו, **טאמער מ'האט נישט קיין געהעריגן פילטער דערויף, איז דער וואס באנוצט זיך מיט אזא כלי אן עבריין, די חכמים רופן אים אן ער איז א רשע [בגמרא בבא בתרא נז: בדאיכא דרכא אחרינא רשע מיקרי], און די תוצאות דערפון זעהט מען שוין היינט, וויפיל ליידער ליידער זענען אוועקגעפאלן פון אידישקייט אינגאנצן, וויפיל האבן איבערגעלאזט די דרכי התורה, און וויפיל זענען אפגעקילט געווארן פון זייער עבודת השם. דאס אלעס קומט פון די כלים, עס איז נישט קיין ספק אז ווען א מענטש דרייט זיך ארום מיט אזא כלי, אז ער פארלירט זיין שטוב, זיינע קינדער - אויף וועם ער דארף ארויפצוקוקן, וואס זיי וועלן אים אמאל זיין דער ברא מזכה אבא - פארלירט ער אינגאנצן, אז מ'געט זיך נישט אכטונג.**

**מ'ווייסט** אז אמאליגע צייטן איז שמירת שבת געווען א געוואלדיגער נסיון. דער חפץ חיים האט געזאגט, שבת ווערט אנגערופן אן "אות", ושמרו בני ישראל את השבת ווייל ביני ובין בני ישראל 'אות' הוא לעולם (שמות לא-טז). וואס מיינט אז שבת איז א צייכן? ער האט דאך יעדע זאך מסביר געווען מיט א משל, האט ער געזאגט אזוי, א מענטש עפענט א גרויס געשעפט וואס ער פארקויפט פארשידענע כלים, און ער שטעלט ארויף א סיין אויף זיין געשעפט, דא איז משה'ס געשעפט וואס פארקויפט און ער טוט ערצייגן די און די כלים. ס'איז געווען א גוט געשעפט, ס'גייט גוט, און מ'זעהט אין איינע פון די טעג אז דאס געשעפט איז פארשפארט, מ'הייבט אן צו טראכטן וואס האט דא פאסירט, אפשר איז אים אויסגעגאנגען די סחורה, אפשר איז ער נישט געזונט, מ'זעהט אז ס'גייט אדורך נאך א וואך און נאך א וואך און די געשעפט עפענט זיך נישט, טראכט מען אפשר איז ער אוועקגעפארן

ערגעץ, אדער אויף א יריד, אפשר איז ער אוועקגעפארן אויף וויקעישאן, ער וועט באלד אהיימקומען. מ׳זעהט אבער שפעטער, אז ס׳קומט אן א מאווינג טראק וואס הייבט אן אראפצונעמען די סיין וואס ס׳איז דא אויפן געשעפט, און די ביסל כלים וואס ס׳איז דא הייבט מען אן אויסצוליידיגן, דעמאלטס ווייסט יעדער איינער אז מ׳האט אראפגענומען דעם סיין דעמאלטס איז שוין נישטא קיין בעל הבית אויף דעם געשעפט, ס׳איז אפגעהאקט געווארן דער קשר וואס דער מענטש האט אמאל געהאט מיט דעם געשעפט.

**האט** דער הייליגער חפץ חיים געזאגט, א איד וואס היט שבת, טראגט אויף זיך אויף זיין שטערן א סיין, אז ער איז אן ערליכער איד, דאס איז זיין אות וואס ער האט אויף זיך. אז מ׳נעמט אוועק דעם שבת האט מען אוועקגענומען זיין אות וואס ער האט אויף זיך, און ס׳האט זיך אויפגעהערט זיין שייכות וואס ער האט צו אידישקייט - אזוי האט דער הייליגער חפץ חיים געזאגט בימיו.

## כשיש שלט על הטלפון שהוא מאושר, כאילו נושא על מצחו שלט שהוא יהודי

**אונז** היינט, האבן מיר נישט קיין נסיון אינעם אות שבת. אבער אונזערע נסיונות היינט זענען אסאך און אסאך שווערער אויף קדושה, דער אות וואס ס׳דארף זיין ביי יעדן איינעם וואס איז נחקק אין אונז, ולא יראה בך ערות דבר והיה מחניך קדוש. **ווען א מענטש האט די כלים, אויב ער האט דערויף א צעטיל א סטיקער א סיין אז דאס איז א משומר׳דיגע כלי, וואס ווען ער נעמט עס ארויס און ער באנוצט זיך דערמיט זעהט יעדער איינער אז דאס איז א כשר׳ע כלי, איז כאילו ער טראגט אויף זיך א סיין ״איך בין אן עהרליכער איד״! דאס איז זיין סימבאל, און ער איז מקדש שם שמים, און ער טוט מעודד זיין מיט דעם אנדערע זאלן אויך אזוי נאכטועך און גיין אין דעם וועג, ער איז א מזכה את הרבים. טאמער אבער ער גייט ארום מיט א כלי און ס׳האט נישט אויף זיך קיין סטיקער אז דאס איז א כשר׳ע כלי, פעלט אים דער אות אז ער איז א איד! און ס׳איז ח״ו אפגעהאקט געווארן זיין שייכות מיטן בורא עולם, ושב מאחריך, פון אזא כלי טוט דער רבוש״ע אוועקגיין פון אים.**

## כל כלי יהיה עליו חותם, ולא ליגע בכלי שאין עליו חותם שהוא מאושר

**איך וויל בעטן די תלמידים, אלע וואס קומען אין ביהמ״ד, און אלע אידן וואס ווילן זיין ערליך, אפילו מ׳האט א כלי וואס ס׳איז געפילטערט, אויפ׳ן בעסטן אופן, זאל מען זעהן אז ס׳זאל זיין א זיגל דערויף פון א קאמפאני ״אז ס׳איז כשר״! זאל עס זיין ״מאושר״ ״משומר״ ״גדר״ ״טעג״, נישט קיין חילוק וואס ס׳איז, ס׳זאל האבן אויף זיך א סטיקער אז דאס איז א כשר׳ע כלי. מ׳זאל נישט האלטן אין שטוב, און נישט אין טאש, און נישט אין די ביזנעס, א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין זיגל א חותם אז דאס איז אן עהרליכע כלי. טאמער פעלט די סיין דערויף, ווייזט דאס אז דער מענטש האט אפגעהאקט כביכול פונעם אייבערשטן, ער האט נישט קיין שייכות מיטן רבוש״ע. איך בעט מ׳זאל עס זעהן צו טוען ווי פריער, עכ״פ ביז ר״ח ניסן זאל יעדער ארויפלייגן א סטיקער אויף זיין טעלעפאן וואס ער האט, און אויף זיין קאמפיוטער, און פון דעמאלטס און ווייטער זאל מען מקבל זיין אויף זיך, נישט צוצורירן צו קיין כלי וואס האט נישט קיין סטיקער דערויף אז ס׳איז א כשר׳ע כלי.**

**און מעורר זיין די חברים, אפילו ער האט יא פאר זיך א כשר׳ע כלי, מ׳זעהט דער חבר נעמט ארויס א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין סטיקער, פרעגן פון אים, פארוואס גייסטו ארום מיט א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין זיגל אז ס׳איז א כשר? וועט ער זיין א מזכה את הרבים.**

**יעדער איינער ווייסט וויפיל שמירה מ׳דארף האבן אין די כלים, אבער סוף כל סוף אז מ׳איז מזכה את הרבים איז אין חטא בא על ידו, קומט מען נישט צו קיין חטא. און דאס איז אויך א כפרה אז מ׳איז שוין אדורכגעפאלן, ארויפלייגן יעדער פאר זיך אליין, האבן א סימבאל אויף זיין כלי אז ס׳איז כשר, ולהורות תשובה לרבים. מ׳ווייסט אין ארץ ישראל איז כמעט נישטא אן ערליכער איד זאל ארויסנעמען א סעלפאן וואס האט נישט אויף זיך קיין מאושר. דא האט מען דאס נישט געקענט מאכן וועגן פארשידענע סיבות, די קאמפאניס האבן נישט מיטגעהאלטן דערמיט, אבער היינט אז ס׳איז שוין דא אזויפיל קאמפאניס וואס טוען פילטערן און יעדער איינער קען צוקומען דערצו, איז נישטא קיין שום היתר אז א מענטש זאל ארומגיין מיט א כלי וואס האט נישט אויף זיך א זיגל אז ס׳איז כשר.**

## האבות יקנו סלפון כשר לבניהם ובנותיהם בעת חתונתם

**מ׳זעהט** בחורים וואס זענען געווען אפגעהיטן ביז ווילאנג מ׳איז געווען יונג, אן א סעלפאן, מ׳האט חתונה איז הותר הרצועה, ער דארף דאך האבן א טעלעפאן און דאס ווייב דארף א טעלעפאן, אין די שבעת ימי המשתה איז די ערשטע זאך ווי מ׳גייט אריין אין געשעפט און קויפן זיך א סעלפאן, מ׳ווערט זייער גרינג צוגערעדט איינער פונעם צווייטן, דער מאן פון די ווייב צי די ווייב פונעם מאן, אז מ׳זאל קויפן א סמארט-פאון, און דער געשעפטמאן טוט צורעדן דערצו, און די עלטערן זעהן שפעטער אז דאס קינד דרייט זיך ארום מיט א סמארט-פאון, עס איז אים שוין שווער צו זאגן פאר זיין זון, ער האט דאך שוין חתונה געהאט, און ער קען נישט זאגן פאר די שנור, און ער קען נישט זאגן פאר די טאכטער, ער האט שוין נישט קיין מעגליכקייט מוחה צו זיין, און ער וויל זיך נישט מישן, ער וויל נישט חרוב מאכן דעם שלום בית — און אזוי פאלן אוועק נאכדעם די שטיבער.

**איך** האב געהערט אן עצה פאר עלטערן וואס זענען אחריות׳דיג, מ׳קויפט פאר קינדער אלעס איין פאר די חתונה, מ׳טוט אויסשטאפירן די קינדער מיט אלע כלים וואס מ׳דארף האבן, **אז בשעת מ׳געט אויס אזויפיל געלט איינצושטאפירן א קינד, זאל מען קויפן פאר אים א כשר׳ע סעלפאן און די עלטערן זאלן אויסצאלן פאר א יאר צוויי, ס׳זאל אים נישט קאסטן קיין געלט, אז ער זאל נישט האבן קיין תירוץ אז ער דארף גיין זיך קויפן א סעלפאן, ס׳איז אן אויסגעצאלטער סעלפאן וואס ער האט באקומען, וועט ער כאטש אנהייבן אראפצולייגן זיין וועג אויף די וועלט אויף אן ערליכן אופן, וועט ער שפעטער קענען נאכגיין דערמיט, און ס׳וועט מציל זיין אים און זייערע קינדער פון א נסיון, ווען זיי הייבן אן צו בויען זייער שטוב.**

## גודל כח התפילה על הצלחת הבנים

**איך** וויל ענדיגן, ס׳איז היינט געווען ביי מיר א איד און ער האט מיר פארציילט, א חשוב׳ער יונגערמאן, ער האט א בחור העכער די בר מצוה, ער האט זיך זייער געפלאגט מיט דעם קינד אלע זיינע יארן, פון קינדווייז אן ער האט נישט תופס געווען געהעריג דאס לערנען, ער האט געשפירט אזויווי מ׳רופט עס א ״בלאקיטש״ האט ער, ווען ס׳איז געקומען צום לערנען האט ער נישט תופס געווען געהעריג. מ׳האט אויסגעגעבן פאר׳ן קינד שוין טויזענטער דאלער, אנגעהויבן צו זוכן זיין עברי זאל זיין גוט, און מ׳איז געגאנגען צו דעם און צו יענעם, דאקטוירים, סעקייטריסט, פעסיכיעטארס, טויזנטער דאלער האב איך אויסגעגעבן, זאגט ער, יעדער האט אים געסטעמפלט מיט א צווייטן נאמען עי.די.די. עי די עטש. די. וויאזוי די נעמען הייסן, און איך בין אין ערגעץ נישט אנגעקומען. **איך האב זיך מיישב געווען אז מ׳קען מיר נישט העלפן, איך גיי בעטן פונעם אייבערשטן, דער באשעפער זאל מיר העלפן.**

**איך** רעד דא פון א יונגערמאן וואס איז א בן תורה, ער האט ביז יעצט אויך געדאווענט אויף זיינע קינדער אלע יארן, אזוי האט ער מיר געזאגט, איך האב געדאווענט אלץ פאר מיינע קינדער, איך האב זיך מיישב געווען אז איך גיי ספעציעל דאווענען א תפלה פאר דעם קינד

עקסטער. ער פלעגט צו זאגן תהלים נאכן דאווענען, אבער מ'האלט דאך שוין נאכן דאווענען האט מען שוין די תהלים אזוי אפגעזאגט, נישט מיט די ריכטיגע כוונה, איך בין אויפגעשטאנען פריער, און פאר'ן דאווענען האב איך געזאגט צען קאפיטלעך תהלים יעדן טאג פאר דעם קינד, אז דער אייבערשטער זאל אים עפענען דעם קאפ ער זאל משיג זיין תורה, און ווען איך האב געענדיגט מיין תהלים האב איך אנגעהויבן צו רעדן צום אייבערשטן אידיש, איך קען לשון הקודש אויך, אבער איך האב געשפירט איך קען הארציגער ארויסברענגען מיין תפלה צום אייבערשטן מיט אידיש, און איך האב מתפלל געווען פאר מיין קינד — און איך קום פארציילן יעצט פאר'ן רב, אז ס'איז אדורך שטיק צייט נאכדעם, און איך הייב אן צו באקומען גריסן פון זיין רבי'ן אין חדר, פונעם תלמוד תורה, אז ס'איז דא א שינוי ביים קינד, ער איז אנדערש פון וואס ער איז געווען. ס'גייט אדורך נאך א פאר וואכן טרעפט מיך שוין א צווייטער מלמד פונעם קינד און ער זאגט מיר, דיין קינד האט זיך אינגאנצען געטוישט פון וואס ער איז געווען. זאגט ער, היינט איז מיין קינד א מצויין אין די קלאס!

**מען טאר נישט פארלירן די כח פון תפלה!! נישט אויפגעבן! מ'האט א שוואך קינד דארף מען טוען וואס מ'קען, אבער דער עיקר איז תפלה. דאווענען צום אייבערשטן. וויסן אז דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה. יעדע תפלה וואס א איד איז מתפלל, ער קען עס זאגן אויף אידיש, ער קען עס זאגן מיט וואס פאר א שפראך ער וויל, מתפלל זיין, זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז מקבל תפלות פון אידישע קינדער.**

## קטע מתוך דברים חוצבים להבות אש
## בדרשת שבת הגדול דהאי שתא

**בליל** פסח שורה קדושה עצומה בכל בית ישראל. אור גדול שלא מרגישין כזאת במשך השנה, וכידוע מספה"ק שאנו מארחים בו את הקב"ה ופמליא דיליה הבאים לבית כל ישראל. ואתכא דרחמנא אנו מסובין (תוס' ברכות מב:), וכל אחד לפי דרגתו מתעלה באמונת אלקי עולם הוא ובניו יחדיו...

**די הארץ טוט אבער וויי צו זאגן, אז נישט יעדער ווערט זוכה זיין צו דעם אז דער אייבערשטער מיט זיין פמליא זאלן זיין ביי אים אין שטוב ביים סדר, עס וועלן זיין אזעלכע שטובער וואס דער אייבערשטער וועט דאס איבערהיפען און נישט אריינגיין דארט, דאס זענען די שטובער וואס עס געפונען זיך דארטן כלים אן קיין פילטער דערויף.** יעדער געדענקט ווען עס איז געווען דער גרויסער כינוס ווענן די טעכנאלאגישע כלים אז עס מוז האבן א פילטער דערויף, האט מען געהערט א דרשה פון הגאון רבי שמואל וואזנער זצוקל"ל דורך א הוק-אפ, און ער האט געזאגט אז א שטוב וואו עס געפונט זיך אזא כלי טאר א פשוטער איד נישט אריינגיין אין די שטוב, און ער האט עס מסמיך געווען אויף א גמרא (ב"ק פ.). **אז מען האט געפסקנ'ט אזוי אויף דער וועלט אין בי"ד של מטה, פסקנ'ט מען אין הימל זיכער אזוי, אז עס שטייט אין די תורה ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, טרעט די שכינה נישט אריין אין אזא שטוב.**

**דער** טאטע זיצט און פארציילט יציאת מצרים פאר די קינדער, אריינצוגעבן אין זיי אמונת אלקי עולם, אבער אז די שכינה געפונט זיך נישט דארט, די לופט איז נישט פול מיט די קדושת השכינה, וואסערע רושם קען שוין מאכן זיינע פשוטע ווערטער וואס ער זאגט. א טאטע פרעגט אסאך מאל, אז ער זעהט א קאלטקייט ביי זיינע קינדער צו עבודת ה', ער אליין איז אסאך מאל דער גורם דערצו, ער לאזט נישט די שכינה אריינקומען צו אים און שטוב אריין. - **עס זענען דא יונגעלייט וואס זייט דער חתונה האט נאך די שכינה קיינמאל נישט אריינגעטרעטן ביי זיי אין שטוב, וויאזוי טראכט מען אז דארט וועט מען קענען מגדל זיין הייליגע אידישע דורות.**

**דער טאטע עפנט אויף די טיר ביים סדר ביי שפוך חמתך, אליהו הנביא זאל אריינקומען צו אים אין שטוב, ער קומט נישט אריין! ער בלייבט שטיין אינדרויסען ביים טיר!, אז א פשוטער איד טאר נישט דארט אריינגיין, וועט אליהו הנביא זיכער נישט אריינקומען דארט!**

**כעת** היא הזמן של ביעור חמץ, לבער מביתו כל הכלים האסורים. ואז יזכה שיאיר בביתו אור גדול בליל הסדר מהשראת השכינה בבית. - במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, **מען קען זיך נישט פארשטעלן די שמחה וואס עס איז דא אין הימל, ווען די שכינה קומט אריין אין אזא שטוב וואס ער האט נישט געקענט קומען דארט פאריאהר און פאר צוויי יאהר, און יעצט קען ער דארט אריינקומען.** ויזכה בזה שיתלהב לבבות הבנים ויכנסו הדברים באזניהם, וקדושת השכינה תהא מדברת מתוך גרונו, לעורר את עצמו יחד עם בני ביתו לאהבה את ה' וליראה אותו.

**והנני** כופל בזה בקשתי מה שעוררתי כבר, **שגם אלו שיש להם פילטער, ישתדלו שיהיה עליו חותם מאושר מאותו קאמפאני שעשו את הפילטער, כדי שיוכל כל אחד לראות שיש עליו פילטער. מען דארף וויסן אז די כלי איז א טריפה'נע כלי, און אזוי ווי א שטיקל פלייש וועט ער נישט נעמען אן קיין זיגל דערויף אז עס איז כשר, די זעלבע דארף אזא כלי האבן א זיגל, אז מען זאל זעהן אז דאס איז א כשר'ע כלי.** וכאשר יראה את חבירו שלוקח סמארטפאן בידו ואין עליו חותם, ישאל אותו למה אין לו עליו חותם הכשר. ובזה יזכה את הרבים שאין חטא בא על ידו. ויהיה לתועלת רב גם לבניו ובני ביתו, שיראו תמיד שיש להאב כלי שהוא כשר, ויתחנכו שאין להשתמש בכלי שאין עליו פילטער. **ויש לכל אחד להרגיל עצמו שלא ליגע בכלי שאין עליו חותם שהוא כשר.**